הלימוד היומי בספרי חסידות

# יחיזהל

**אין אידיש**

גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת בלק תשפ"ה / גליון ק"מ


לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (וארא-בא)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | וארא אל האבות |
| שני | וזהו פירוש הפסוק כי אתה |
| שלישי | וענין העשרה מכות שהיו |
| רביעי | לכן יש קצת מן המכות |
| חמישי | מתחילים פרשת בא עד ד"ה ובזה יבואר |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624


0722 531 385

**מערכת "קול דודי"**

א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן

אין אמעריקע
**605.313.6695**

אין אייראפע
**033.0551.7811**

ספעציעלע אפטיילונג
**שיעורי בין המצרים**
אויף היכל המרכזי נומער 1


## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# דו האסט דאס!

## פאָר נישט קיין אמעריקע, דו האסט שוין די עשירות אין טאש! באהעפט זיך אביסל צו דיין אינערליכע הארץ, און דו לעבסט א העכער לעבן

ר' ישראל שטייט ביים ליידיגן פרידזשידער, די קינדערלעך וויינען און שרייען "מיר זענען הונגעריג! מיר ווילן עסן נאכטמאל", אויך ר' ישראל'ס מאגן שרייט פאר הונגער צוזאמען מיט די קינדערלעך, זיינע טרערן שטיקן אים אין האלז, אבער וואס קען מען טון?! דאס הויז איז ליידיג פון סיי וואס, און די באנק קאנטע האט שוין אויך לאנג נישט געזען קיין 'צורתא דזוזא' - נאכדעם וואס ער האט שוין עטליכע חדשים נישט באקומען קיין געהאלט. ר' ישראל איז פארלוירן און דערטרונקען אין א ים פון שווערע געפילן, וואוסנדיג ביי זיך, אז כדי זיך צו שטעלן אויף די פוס מוז ער יעצט ארויספארן קיין אמעריקע פאר עטליכע חדשים און ארומגיין מזכה זיין אידן מיט מצות צדקה פאר משפחה וואס נויטיגט זיך אין הילף...

זייענדיג אזוי פארקלעמט הייבט ער אויף א טעלעפאן צו זיין טאטן, און גיבט זיך א צוקרעכץ, דער טאטע פארשטייט באלד דעם מצב אין שטוב דארט, אבער ער ווערט נישט איבערגענומען: "נישט געזארגט ישראל'יק, דו דארפסט נישט פארן קיין חוץ לארץ! לייג אריין דיין האנט טיף אינעם רעקל טאש, און זאג מיר: וואס ליגט דארט?". ר' ישראל לייגט אריין זיין האנט, און שלעפט ארויס א קאנווערט וואס אין דעם געפינט זיך א קרעדיט-קארד. "פריער, ווען דו ביסט געווען דא ביי מיר אין שטוב, האב איך דיר אריינגערוקט דאס קארטל... נוץ עס געזונטערהייט. ס'וועט דיר לכאורה זיין גענוג אויף אגאנצן לעבן!".

## טיף ביי דיר - ליגט דער אוצר

אין אונזער פרשה ווערן מיר געוואויר א מורא'דיגע זאך, אז דער אויבערשטער איז "לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל". טייל מפרשים מוטשען זיך צו פארשטיין: היתכן, די גמרא זאגט דאך (בבא קמא נ.), אז מען טאר נישט זאגן אז דער אויבערשטער איז א ותרן?

דער 'ישמח ישראל' קומט און זאגט: יא, 'לא הביט און ביעקב' אזוי איז דאס! פשוטו כמשמעו! ווייל אין דער אינערליכער פנימיות פון א אידיש הארץ, איז נישטא קיין שום זינד און פגם, ווי דער פסוק אליינס איז ווייטער ממשיך: **"ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ' - פְּנִימִיּוּת נִשְׁמָתָם הוּא חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל"**.

דא רעדט זיך פון א גילוי וועלכע רודערט וועלטן! עס צוטומלט אלע פריערדיגע הנחות! ווייל ביז היינט האבן מיר געמיינט, אז כדי זוכה צו זיין תשובה, דארפן מיר ארבעטן וואכן און חדשים, ביז מיר וועלן אנקומען צו עפעס וועלכע מיר האבן נאכגעשט און איז אינדרויסן פון אונז. אבער דא ווערן מיר געוואויר, ניין! דו דארפסט נישט גארנישט קויפן פונדרויסן! **"כִּי תְּשׁוּבָה הוּא שֶׁיָּשׁוּב אֶל פְּנִימִיּוּת לְבָבוֹ"**. דיין 'פנימיות הלב' האט נאך קיינמאל נישט געזינדיגט, **"לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב - הַיְנוּ בְּתוֹךְ פְּנִימִיּוּת לְבָבָם"**, און דערפאר דארפסטו בלויז צוריק קומען צו דיר זעלבסט! דו האסט עס שוין אין טאש! פאָר נישט קיין אמעריקע, לייג בלויז אריין דיין בליק אין דיין הארץ, און דו ביסט רייך! דו קענסט לעבן א אמת'ער לעבן!

> עס פעלט בלויז דער איינער וועלכער זאל צו גיין צו זיי און אריינרוימען אין אויער: "מיין טייערער, דו ביסט שוין דארט! דו האסט אפילו די כוחות צו וויסן, אז דו ביסט שוין דארט!

## אויפוועקן די אינערליכע נקודה

וויאזוי קומסטו צוריק אָן צו דיין אינערליכע נאטורליכע ריינקייט? דורכדעם וואס דו ערלויבסט דיין הארץ זיך צו געבן א צוקרעכץ צום טאטן אין הימל. **"הָאֱמֶת הוּא כֵּן, כַּאֲשֶׁר אִישׁ יִשְׂרָאֵל גּוֹנֵחַ וְצוֹעֵק מִקִּירוֹת לִבּוֹ אֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, שֶׁיְּרַחֵם עָלָיו לְהוֹצִיאוֹ מֵרֶשֶׁת הַיֵּצֶר הָרַע הָרוֹצֶה לְהַפִּילוֹ לִבְאֵר שַׁחַת"**.

און כאטש וואס באלד ווי דו הייבסט נאר אן צו תשובה טון, שטעלט זיך אוועק א וואנט, **"מֵהָעֲוֹנוֹת שֶׁעָשָׂה נִבְרְאוּ מְקַטְרְגִים וּמַזִּיקִים רַחֲמָנָא לִצְּלַן, וְאֵינָם מְנִיחִים לוֹ לְהִכָּנֵס בְּשַׁעֲרֵי הַתְּשׁוּבָה"** - דארפסטו זיך אבער גארנישט שרעקן, ווייל ווי נאר דו וועקסט אויף דיין 'פנימיות' - באציהט זיך שוין דער אויבערשטער בלויז צו דיין פנימיות און נישט צו דיין חיצוניות: **"אֲזַי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁהוּא צוֹפֶה וּמַבִּיט בְּחַדְרֵי הַלֵּב וּבוֹחֵן כְּלָיוֹת וָלֵב, כַּאֲשֶׁר הוּא מַבִּיט לִפְנִימִיּוּת לֵב אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי, אֲזַי מִיָּד נֶחֱשָׁב לוֹ כְּאִלּוּ עָשָׂה תְּשׁוּבָה בְּפֹעַל, כִּי הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה, הַיְנוּ כִּי פְּנִימִיּוּת לִבָּם וְנַפְשָׁם חוֹשֵׁק לַעֲלוֹת אֶל מְקוֹר מַחְצַבְתָּהּ"**. דער אויבערשטער קוקט נישט אויף די אלע זאכן ארום און ארום, אים איז נישט אינטערעסאנט די אלע חיצוניות'דיגע פראבלעמען, ער קוקט נאר וואס ליגט אינעווייניג ביי דיר אין הארץ, נו, בפנימיות ביסטו דאך שניי ווייס! דארט גלוסטו און בענקסטו צום אויבערשטן א גאנצן צייט! און אט דאס ווערט גערעכנט ווי **'תשובה בפועל'**.

## דארפסט נישט קלעטערן

צומאל ווילן מיר ווערן נאנט צום אויבערשטן, מיר ווילן זיך נעמען לעבן מיט א קשר צום אויבערשטן. אבער באלד קומט דער יצר הרע צו גיין, און ער דרייט דעם קאפ מיט א טענה: "עס איז נישט אזוי פשוט... זוכה צו זיין צו אזא מדרגה, מוזטו קודם כל זיין א פרוש און לעבן הימל'דיג... דו דארפסט איבערדרייען דיין גאנצן לעבנ'ס שטייגער מקצה אל הקצה... דו מוזט זוכה זיין צו אן 'עיבור נשמה'... און נאר נאכדעם, כולי האי ואולי, וועסטו קענען אריינגיין אין דער וועלט פון קשר צום אויבערשטן!".

לאמיר זיך נישט לאזן פון זיינע שטותים: ניין! מיר האבן שוין א הייליגע נשמה אין אונז! מיר זענען שוין א 'חלק אלוק ממעל'! אין אונזער פינטעלע הארץ - זענען מיר קיינמאל נישט אוועקגעגאנגען פונעם אויבערשטן! מיר דארפן נישט צוריקגיין אין ערגעץ, נאר בלויז צו זיך זעלבסט! מיר דארפן בלויז אויפוועקן אונזער 'פנימיות הלב', און באלד זענען מיר נאנט צום אויבערשטן.

עס זענען פארהאן טויזנטער מענטשן אויף דער וועלט, וועלכע וואלטן געוואלט לעבן ריינער און נאנטער צום אויבערשטן. נו, ווער לאזט זיי נישט? וואס פעלט זיי? א 'חסרון ידיעה'! עס פעלט בלויז דער איינער וועלכער זאל צו גיין צו זיי און אריינרוימען אין אויער: "מיין טייערער, דו ביסט שוין דארט! און יא, דו האסט אפילו די כוחות צו וויסן, אז דו ביסט שוין דארט! דו דארפסט בלויז איין קליינעם טויש אין מח, און אלעס איז אנדערש!".

עס זענען פארהאן טויזנטער אידן אויף וועלט, וועלכע מיינען נעבעך, אז טאמער האבן זיי אזויפיל געזינדיגט - זענען זיי געווארן אזוי דערווייטערט פונעם אויבערשטן, אז זיי קענען שוין נישט אזוי שנעל צוריק קומען און נאנט ווערן. קומט דער 'ישמח ישראל' און איז זיי מגלה: ריכטיג, מיטן חיצוניות'דיגן מעסטער ביסטו גאר ווייט, אבער מיטן פנימיות'דיגן מעסטער ביסטו גאר נאנט! דו ביסט פשוט אוועקגעדרייט פון דיר אליינס! גיב זיך א דריי צוריק, וועסטו זען אז דו ביסט קיינמאל נישט געווען ווייט! ממילא, אנשטאט צו גיין און קלעטערן צענדליגער מייל בחיצוניות - וועק ענדערש אויף דיין פנימיות, דיין נשמה, און איין סעקונדע ביסטו נאנט און מקושר צום אויבערשטן!


**פטרון הגליון לחודש תמוז**
ידידנו העומד תמיד לימיננו הרה"ח ר' **זאב יצחק דויטש** שליט"א
לעילוי נשמת אמו האה"ח **חיה זיסל עלקא** בת"ר **שמעון** ע"ה
נלב"ע י' תמוז תשע"ה; תהא נשמתה צרורה בצרור החיים

**הפצת הגליון בק"ק וויען נתנדב ע"י**

# אלעס איז פון אויבערשטן

## אנערקענען אז יעדע מעלה וואס מ'האט קומט פון אויבערשטן, ברענגט אהבת חברים - וויאזוי? • האבן מיר טאקע נישט קיין שום אייגענע מעלה?

**משפיע:** וואס הערט זיך, אברהם יצחק.

**אברהם יצחק:** געלויבט השי"ת. כ'האב קוים געקענט ווארטן אויף אונזער שמועס...

**משפיע:** אזוי? מסתמא האסטו עפעס וואס דו ווילסט דורכטון.

**אברהם יצחק:** גראדע נישט. כ'האב נישט קיין עקסטערע שאלה אדער נושא. כ'וויל פשוט זיצן מיטן משפיע און הערן.

**משפיע:** גוט. אויב אזוי לאמיר נאך אנרירן די נושא פון 'אהבת חברים', וואס כאטש כ'בין זיכער אז ס'איז דיר שוין גענוג קלאר, אבער פארט זענען דא אפאר יסודות פונעם הייליגן בעש"ט וואס כ'האב נאכנישט דערמאנט. דעריבער, אויב מ'האט סייווי אזוי לאנג דורכגעטון די נושא, מיין איך אז ס'פאסט צו צולערנען די לעצטע פאר יסודות.

**אברהם יצחק:** אהא, 'יסודות' פון בעש"ט... לאמיר הערן!

**משפיע:** לאמיר זיך פרובירן שטעלן אויף צוויי יסודות: **איינס**, אז א איד דארף אנערקענען אז זיין גאנצע עבודת ה' און יעדע מעלה וואס ער האט - קומט אלעס פון אויבערשטן. אזא הכרה ברענגט אז מ'זאל ליב האבן און קוקן פאזיטיוו אויף יעדן איינעם. **צווייטנס**, ווען מ'זעט א פגם ביי א צווייטן, זעט מען אייגנטליך די אייגענע פגמים. ס'איז בעצם נישט שייך צו זען א צווייטנ'ס פגמים, מ'קען נאר זען די אייגענע ביי יענעם!

> איינמאל מ'דערהערט אז אויך איך אליינס האב גארנישט געטון ביחס צו וואס כ'האב באקומען - שפיר איך נישט קיין מעלה מער ווי אנדערע

**אברהם יצחק:** כ'האב שוין אסאך מאל געהערט דעם צווייטן יסוד, מ'דערמאנט עס אסאך ביי די שמועסן אין ישיבה. אבער כ'האב נישט געכאפט דעם ערשטן יסוד; דאס אז אלעס איז פון אויבערשטן - איז פשוט. אבער וואס האט עס מיטן ליב האבן יעדן איינעם, און וויאזוי מאכט עס אז מ'זאל האבן א גוטע בליק אויף אנדערע?

**משפיע:** ביסט גערעכט אז מ'דערמאנט אסאך דעם צווייטן יסוד, אבער ס'איז נישט אזוי פשוט ווי דו מאכסט עס. מ'דארף לעבן דערמיט, עס שפירן, און ס'דארף אויסראמען יעדע שלעכטע בליק וואס מ'האט אויף אנדערע. ס'איז א גרויסע עבודה און כ'האף אז מיר וועלן עס קענען גוט אויסשמועסן, אבער לאמיר אנהייבן מיט די ערשטע יסוד - גלייבן אז אלץ וואס מ'האט אין עבודת ה' איז פון אויבערשטן. פרעגסט וואס ס'האט מיט אהבת ישראל?

**אברהם יצחק:** יא. דער יסוד אליינס איז באקאנט, ס'איז פשוט אז אלעס קומט פון אויבערשטן, אבער וויאזוי ברענגט עס אהבת ישראל?

### "גם האמונה מאתו יתברך"

**משפיע:** לאמיר עס אויסשמועסן. אבער כדי עס צו קענען גוט פארשטיין, דארף מען ארייננקוקן אין מקור הדברים. דאס ווערט געברענגט אין ספה"ק 'פרי הארץ' פון הייליגן רבי'ן ר' מענדעלע פון וויטעפסק זי"ע, וואס איז געווען פון די גרעסטע תלמידים פון גרויסן מגיד זי"ע און האט אלס קינד זוכה געווען צו זיין ביים בעש"ט הק'. ער איז עס מבאר אין זיין ספר, אין פרשת שופטים, ס'איז א לאנגע, טיפע מאמר, און לאמיר פרובירן טרעפן א נקודה וואס מיר קענען נעמען פאר זיך.

**אברהם יצחק:** פרי הארץ...? ס'איז א טיפער ספר, ניין?

**משפיע:** גערעכט, ער רעדט דארט טיפע זאכן, אבער ער ברענגט אויך אסאך וויכטיגע יסודות אין עבודת ה', דערפאר לאמיר פרובירן לערנען אביסל פון זיינע הייליגע דיבורים, בעזה"ה: **"כְּלָלָא דְּמִלְּתָא, שֶׁאֵין שׁוּם אֶפְשָׁרוּת הַתְחָלַת אֶפֶס קָצֵהוּ שֶׁל עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרֵךְ אִם לֹא בֶּאֱמוּנָתוֹ אֱמוּנַת אוֹמֶן, פֵּרוּשׁ "שֶׁמִּעוּט נְקֻדַּת אֱמוּנָתוֹ בּוֹ יִתְבָּרֵךְ גַּם כֵּן מֵאִתּוֹ יִתְבָּרֵךְ, כִּי הוּא הַנּוֹתֵן לוֹ לֵב לָדַעַת וְעֵינַיִם לִרְאוֹת וְאָזְנַיִם לִשְׁמֹעַ".**

ד.ה. מ'דארף גלייבן אז די גאנצע אמונה און עבודת ה' וואס דו האסט, איז פון אויבערשטן! דאס ביסל אמונה וואס דו האסט - **'מִעוּט נְקֻדַּת אֱמוּנָתוֹ בּוֹ יִתְבָּרֵךְ'** - איז אלעס פון אויבערשטן! ס'קומט ניטאמאל פון דיר! האסט נישט וואס זיך צו שפירן גוט מיט זיך ווען דו האסט אמונה אדער עפעס אן עבודה, ווייל האסט גארנישט געטון דערפאר. ס'איז פשוט א מתנה פון אויבערשטן.

די גאנצע המשך המאמר איז געבויט אויף דעם יסוד, און ער שמועסט אויס אז ווען א מענטש דערהערט דער נקודה, איז נישט שייך אז ער זאל מזלזל זיין אין אן אנדערער איד אדער שפירן אז ער האט א מעלה וואס יענער האט נישט, ווייל ס'איז אים קלאר אז אלץ וואס ער האט איז א מתנה פון אויבן און ער האט גארנישט געטון דערפאר! ווען דער אויבערשטער וויל, געבט ער דיין חבר פונקט די זעלבע מעלה ווי דו, און אפילו מער ווי דעם. דעריבער, אפילו ווען מ'איז א גרויסער עובד ה', איז נישט שייך צו מזלזל זיין אדער שפירן א מעלה ביי זיך, ווייל אלע מעלות זענען בכלל נישט תלוי אינעם מענטש!

**אברהם יצחק:** כ'פארשטיי נישט. וואס מיינט אז ס'ווענדט זיך נישט אין מיר? פארוואס ארבעט איך אויף מיין אמונה און עבודת ה'? כ'וועל באקומען אמונה אפילו אן גארנישט ארבעטן דערויף?

**משפיע:** ניין. אויב וועסטו גארנישט טון - וועט דיר דער אויבערשטער נישט געבן קיין אמונה. דארפט טון אלעס וואס דו קענסט צו באקומען אביסל אמונה און עבודת ה', און דעמאלטס געבט עס דיר דער אויבערשטער אלס א מתנה.

**אברהם יצחק:** הייסט אז ס'ווענדט זיך יא אין מיר?! פארוואס זאגט ער אז ס'ווענדט זיך בכלל נישט אין מיר?

### שטופ א גרויסע בארג...

**משפיע:** דער 'פרי הארץ' אליינס פרעגט די קשיא, און ער ענטפערט אז די אמונה וואס השי"ת געבט איז בכלל נישט אין פארגלייך מיט די השתדלות וואס דו האסט געטון. אוודאי פארלאנגט השי"ת אז מיר זאלן מאכן אן 'אתערותא דלתתא', טון עפעס השתדלות אנצוקומען צום אמונה, אבער די השתדלות פאר זיך ברענגט אונז בכלל נישט קיין אמונה - ווען נישט וואס דער אויבערשטער געבט עס אונז א מתנה. דעריבער האט מען נישט וואס זיך גרויס צו האלטן דערמיט, ווייל ס'איז פשוט א מתנה פון הימל. נארוואס, מ'געבט נאר די מתנה פאר איינער וואס האט געטון עפעס השתדלות.

**אברהם יצחק:** איך כאפ נישט. אויב מ'געבט די מתנה פון הימל נאר פאר איינער וואס טוט השתדלות, הייסט אז פארט ווענדט זיך עס אין מיר. אויב אזוי האב איך ווייטער וואס זיך צו גרויסן אנטקעגן אנדערע וואס טוען נישט וואס זיי וואלטן געדארפט טון, וואס א דאנק דעם האבן זיי נישט באקומען די מתנה?

**משפיע:** ס'זענען דא צוויי ענטפערס אויף דיין פראגע, אזוי ווי ער איז אליינס מסביר. צוערשט דארף מען פארשטיין, אז די מתנה איז בכלל נישט לפי ערך די ארבעט וואס מ'האט געטון כדי עס צו באקומען. ווען דו וועסט דאס פארשטיין, וועסטו איינזען אז ס'איז נישט שייך זיך צו גרויסן דערמיט.

למשל, מ'בעט א מענטש צו שטופן א בארג, דער מענטש ענטפערט אז ס'איז נישט שייך, זאגט מען אים אז ער זאל שטופן וויפיל ער קען, און ווי נאר ער האט אנגעהויבן שטופן, איז אונטערגעקומען א 'כח עליון' וואס האט געשטופט דעם גאנצן בארג. קען זיך דער מענטש גרויס האלטן אז ער האט געשטופט אזא גרויסע בארג? זיין קליינע שטופ האט גערוקט די גאנצע בארג? די הילף וואס ער האט באקומען איז בכלל נישט קיין ערך צו זיין ארבעט! נארוואס, מ'באקומט די הילף נאר ווען מ'טוט דאס ביסל וואס מ'קען, אבער די תוצאה איז נישט ביחס צו די ארבעט. דאס איז אייגנטליך פשט פונעם מאמר חז"ל, אז דער כח היצר איז אזוי ווי א בארג, וואס מ'קען זיך נישט מתגבר זיין דערויף ווען נישט סייעתא דשמיא.

**אברהם יצחק:** וואס הייסט אז ס'איז נישט 'לפי ערך די עבודה'? ווען זענען די תוצאות יא לויט אונזערע מעשים?

**משפיע:** זייער פשוט. לאמיר געבן א משל: א 'קרעין' וואס קען האלטן אן אויסטערליש שווערע וואג, אבער ער קען עס נישט אליינס אויפהייבן. ברענגט מען נאך א 'קרעין' וואס העלפט די אנדערע קרעין פון אונטן, און אזוי צוזאמען הייבן זיי אויף דעם שווערן וואג. אין אזא פאל קען מען זאגן אז די גרויסע קרעין האט געהאט א חלק אין אויפהייבן די וואג, ווייל ס'איז פארט געווען א גרויסע חלק דערפון וואס ער האט אליינס געטראגן. אדער לאמיר זאגן א 'מעטשינג', ווען א מענטש געבט א סומע געלט און אן אנדערער געבט אנטקעגן זיין סומע, דאן אפילו דער צווייטער געבט א גרעסערע סכום - איז עס 'ביחס' צו דאס וואס דער ערשטער האט געגעבן.

אבער ווען א מענטש שטופט א בארג, איז פשוט ליצנות צו זאגן אז 'ער צוזאמען מיט דעם כח עליון' האבן געשטופט דעם בארג... ער האט ניטאמאל אנגעהויבן שטופן, די גאנצע שטופן איז נאר געווען מכח די הילף פון הימל, פשוט זיין אנהייבן שטופן האט גורם געווען די הילף וואס האט למעשה אלעס געטון. באמת טוט דער אויבערשטער אלעס, אלעס איז א מתנה און ס'איז בכלל נישט קשור מיט די פעולה וואס מ'האט געטון בעפאר.

**אברהם יצחק:** אקעי, וואס האט דאס מיט דעם אז מ'איז נישט מזלזל אין אנדערע?

**משפיע:** ווייל ווען מ'איז מזלזל אין אנדערע, מיינט דאס אז מ'שפירט אז איך האב דא עפעס געטון! כ'ווייס טאקע אז השי"ת האט מיר געהאלפן, אבער כ'שפיר אז איך האב עס געטון און דער אויבערשטער האט עס מיר געגעבן א דאנק מיין ארבעט, דעריבער קען איך מזלזל זיין אין אנדערע וואס האבן נישט געטון אזויווי איך, און זענען דערפאר נישט אנגעקומען דערצו. אבער די מינוט מ'דערהערט אז אויך איך אליינס האב גארנישט געטון ביחס צו וואס כ'האב באקומען, און כ'פארשטיי אז אלעס וואס איך האב

איז א מתנה פון אויבערשטן, און קיין שייכות צו וואס כ'האב געטון - שפיר איך נישט קיין מעלה מער ווי אנדערע.

**אברהם יצחק:** אבער פונדעסטוועגן, פארוואס דארף איך שפירן אז כ'האב גארנישט געטון? כ'האב פארט געטון דאס ביסל וואס כ'האב געדארפט, בשעת מיין חבר האט אויך דאס נישט געטון. פארוואס זאל איך נישט שפירן מער ווי אים?

## א דאלער אנטקעגן א האלבע דאלער

**משפיע:** לאמיר דיר פרעגן דירעקט: שפירסטו טאקע א מעלה מער ווי אים, פשוט ווייל האסט געטון עפעס מער ווי אים...? קיינער גרויסט זיך נישט איבער אן אנדערן צוליב א קליינטשיגע זאך וואס ער האט געטון מער ווי יענעם! דיין זיך גרויסן איבער יענעם קומט ווייל דו טראכסט פון די 'תוצאה' צו וואס דו ביסט צוגעקומען! אמת? און די תוצאה איז ווי געשמועסט, א מתנה וואס איז בכלל נישט קיין פארגלייך צו דאס ביסל וואס האסט געטון.

לאמיר נעמען די אויבנדערמאנטע משל מיטן מעטשינג; דו האסט געגעבן א דאלער און אנטקעגן דעם האט דער גביר געגעבן א מיליאן, דאקעגן דיין חבר האט געגעבן א האלבע-דאלער, און אנטקעגן דעם האט מען געגעבן א הונדערטער. קענסט זיך דרייען בגדול'דיג ארום די גרויסע בניינים וואס זענען געבויט געווארן פון דיין געלט? דאס געלט האט נישט קיין שייכות מיט דאס וואס דו האסט געגעבן! האסט טאקע געדארפט טון דאס וואס דו האסט געטון, אבער אויף דעם ארויף האסטו נישט וואס זיך צו גרויסן אויף אנדערע! האסט אמאל געזען איינער זיך גרויסן אז ער האט געגעבן א האלבע דאלער מער ווי אנדערע? נארוואס, גרויסט זיך צוליב די תוצאות, בשעת דו פארגעסט אז די תוצאות האבן נישט קיין שייכות מיט דיר און אלעס איז א מתנה פון הימל.

**אברהם יצחק:** אהה, יעצט כאפ איך. כ'האף אז כ'וועל עס גוט כאפן, ווייל כ'מיין אז געוועגליך טראכטן מיר אנדערש...

**משפיע:** אמת, און דערפאר לערנען מיר וויאזוי די תלמידי הבעש"ט גלייכן אויס אונזער וועג פון טראכטן, און געבן אונז די אמת'ע וועג וויאזוי מ'דארף אנקוקן זאכן. יעדנספאל, דאס איז די ערשטע ענטפער אויף אונזער נושא, אז כאטש ס'ווענדט זיך אין אונזער השתדלות, איז די מתנה נישט קיין פארגלייך דערמיט.

די צווייטע ענטפער וואס ווערט מבואר אין 'פרי הארץ' איז, אז ס'איז בכלל נישט זיכער אז אונזער השתדלות גייט ברענגען תוצאות. ס'קען זיין א מענטש וואס טוט זיין חלק און ער באקומט גארנישט, ווידעראום זיין חבר טוט אויך השתדלות, און אפשר אפילו ווייניגער ווי אים, און ער באקומט א מורא'דיגע מתנה מלמעלה. אויב אזוי האט דער צווייטער זיכער נישט וואס זיך צו גרויס האלטן איבער דעם אנדערן, ווייל יענער האט אויך געטון השתדלות און אפשר גאר מער ווי אים - און ער האט גארנישט באקומט דערפאר! אלעס וואס דו האסט האט גארנישט מיט דיר, ס'איז אלץ א מתנה, און אויך וואס אז דיין השתדלות האט גע'פועל'ט האט זיכער גארנישט מיט דיר...

**אברהם יצחק:** איין מינוט, וואס איז פשט דערפון? איינער באקומט און דער אנדערער נישט, בשעת ער האט געטון אסאך מער ווי דער אנדערער?

**משפיע:** דער ענטפער איז: 'בהדי כבשי דרחמנא למה לך'. מיר פארשטייען נישט דעם אויבערשטנ'ס באהאלטענע וועגן, נאר מיר דארפן גלייבן און וויסן אז אלעס איז מיט א גלייכע, פונקטליכע חשבון, אין וואס מיר האבן נישט קיין השגה. ווען מ'כאפט דאס און מ'חזר'ט זיך איין, אז **"שֶׁמְּעוּט נְקֻדַּת אֱמוּנָתוֹ בּוֹ יִתְבָּרַךְ גַּם כֵּן מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי הוּא הַנּוֹתֵן לוֹ לֵב לָדַעַת וְעֵינַיִם לִרְאוֹת וְאָזְנַיִם לִשְׁמֹעַ"** - מאכט דאס אונז פארשטיין, אז מיר פאר זיך האבן נישט קיין מעלה און אלעס איז נאר פון אויבערשטן, און דערפאר קומט נישט אריין זיך גרויס האלטן אויף אנדערע.

**אברהם יצחק:** מורא'דיג. איך האף איינצו'חזר'ן און געדענקען וואס מ'האט גערעדט. יישר כח!

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**וואס הייסט א חסיד, אז ער טרינקט לעקיך און בראנפן נאכן דאווענען?! אז די הארץ פלאקערט אים פארן בורא כל עולמים - דאס הייסט א חסיד.**

הרה"ק מצאנז זי"ע

# אין כלבנו אלא אחד

חיים נטע האט געגעבן נאך א ציטערדיגע קלאפ אויפן טיר פון זיין הייליגן רבי'ן, דער שרף פון סטרעליסק, און דעמאלטס האט די רביצין געעפנט דעם טיר.

"כ'האב דא געברענגט א קליינע זאך פארן רבינ'ס שטוב" האט ער געצייגט אויפן וואגן נעבן אים, וואס איז געווען אנגעלאדנט מיט די בעסטע און שענסטע, גענוג צו שפייזן דעם רבינ'ס הויף אויף די קומענדיגע צוויי חדשים.

די רביצינ'ס געזיכט האט אויפגעשטראלט. "לכבוד וואס?" פרעגט זי אן איבערראשטע. ווען איר עיקר וואונדער איז זייער קלאר: "פון וואו נעמט א סטרעליסקער אביון ווי חיים נטע, דאס געלט פאר אזא געשאנק?"

חיים נטע איז רויט געווארן, ער האט געוואוסט אז דאס גייט קומען. ער וואלט ענדערש איינגעזינקען אין די ערד, ווי איידער פארזעצן זיינע ווערטער, אבער ער מוז עס זאגן, מיט מסירות נפש, ווייל וואס טוט נישט א איד צו געהאלפן ווערן מיט קינדער?

"כ'בין געגאנגען נעמען א ברכה פונעם פרימישלאנער רבי'ן", האט ער אנגעהויבן שטאמלען, "און ער האט מיר אנגעוויזן אריינצוברענגען א שפע גשמי אינעם רבינ'ס הויז, און אזוי וועל איך געהאלפן ווערן".

פאר די רביצין איז דאס נישט אנגעגאנגען. זי האט אים ווארעם באדאנקט, און חיים נטע האט געהויבן פיס און אנטלאפן פון דארט...

אין לעבן וואלט חיים נטע נישט געגלייבט, אז ער וועט אמאל נעמען אזא שריט, און אויך יעצט איז ער נאכנישט צו זיך געקומען אז ער האט עס געטון. ער, חיים נטע, וואס דערקוויקט זיין נשמה פון לויטערן קוואל אין סטרעליסק, וועט גיין געבן א קוויטל פאר אן אנדערער רבי?

און ווער רעדט נאך, ווען דער אנדערער רבי איז דער הייליגער רבי ר' מאיר'ל פון פרימישלאן זי"ע, וואס זיין רבי, דער שרף פון סטרעליסק איז געווען פון די גרויסע חולקים אויף זיין דרך פון פראווען אפענע מופתים.

'זעט זיך אויס אז צוואנציג יאר ווארטן אויף קינדער, קענען מאכן אז אפילו אזעלכע זאכן זאלן געשען' - האט ער אויף זיך אליינס מליץ טוב געווען.

אזוי האט ער זיך אויך געמוטיגט, אויסצופאלגן וואס דער פרימישלאנער צדיק האט אים געהייסן איבערגעבן ביים סטרעליסקער'ס הויז, בשעת ער האט געהאפט אז זיין רבי וועט נישט מקפיד זיין דערויף.

ווייניגער ווי יאר פון רבי מאירל'ס ברכה, און חיים נטע האט א גליקליכער געהאלזט זיין בכור הנולד למזל טוב.

נאך אין די זעלבע נאכט, האט זיך חיים נטע ארויסגעגליטשט פון די פרייליכע סטרעליסקער גאסן, און זיך געוואנדן קיין פרימישלאן באדאנקען דעם צדיק וואס האט אויסגע'פועל'ט די וואונדערליכע ישועה.

דער צדיק האט אויפגענומען ווארעם חיים נטע'ן וואס האט התרגשות'דיג מבשר געווען שמחה.

דער צדיק האט אים געגעבן ברכת קדשו, און דאן געפרעגט: "ווען און וואו פלאנסטו צו מאכן די ברית?"

"כ'האב נאכנישט געטראכט, אבער וואס דער רבי וועט זאגן" האט חיים נטע געענטפערט.

"כ'וויל זאלסטו אפרעכטן דעם ברית ביי דיין רבי אין סטרעליסק, און דיין הייליגער רבי זאל זיין דער מוהל און איך וועל אהינקומען צו זיין סנדק", האט דער צדיק געמאלדן.

חיים נטע'ס בלוט איז פארגליווערט געווארן, הערנדיג דעם צדיק'ס פארשלאג. אבער פארשטייט זיך, אז ער האט א מינוט נישט געטראכט זיך אנטקעגן צו שטעלן דעם צדיק'ס רצון.

"אזויווי דער רבי זאגט", האט ער געענטפערט מיט הכנעה, און פארלאזט פני הקודש.

חיים נטע האט באשלאסן זיך צו פארלאזן אויפן כח פונעם פרימישלאנער צדיק און האט געווארט אויפן אכטן טאג, צו צוזען וויאזוי וועט זיך פון הימל דא אויספירן מיט די צוויי צדיקים.

חיים נטע איז געשטאנען שבת'דיג נעבן זיין רבי'ן, דער שרף זי"ע אין די לעצטע מינוטן פארן ברית, ווען אויפאמאל האט זיך דאס הייליג געשטאלט פון רבי מאיר'ל פרימישלאנער באוויזן ביים טיר פון בית המדרש - אנטקעגן איבער די פייערדיגע אויגן פונעם שרף.

חיים נטע'ן האט אנגעהויבן טרייסלען זיין גאנצער קערפער, זיין נשמה איז שיער נישט ארויסגעפלויגן פון פחד. ער האט געוואוסט אז זיין רבינ'ס קפידה אויף וואס ער האט דא אנגעדרייט קען אים פארלענדן אין א סעקונדע.

רבי מאיר'ל קומט אלץ נענטער, ביז ער שטייט נעבן דעם שרף און ווענדט זיך צו אים מיט די פאלגנדע ווערטער, ווען חיים נטע שטייט א פארציטערטער אינדערמיט:

"ס'איז געווען אין שפאניע אין די תקופה פון די אנוסים, ווען איינער פון די אנוסים האט געהאלטן ביי זיינע לעצטע מינוטן. און ליידער צוליב די אומשטענדן, האבן די משפחה געמוזט אהינרופן א גלח וואס זאל זאגן 'וידוי' מיט זייער טאטן פאר די פטירה, אזויווי ס'איז איינגעפירט ביי די קריסטן ימ"ש.

ווי נאר דער גוסס האט באמערקט דעם גלח, איז אים פארשטייט זיך געווארן פינסטער. האט ער זיך אנגעהויבן וואקלען אומבאקוועם פון איין זייט צום אנדערן, און ער האט פרובירט צו מסיח דעת זיין פונעם טמא'נעם גלח און האבן די ריכטיגע מחשבות, איידער ער גיבט צוריק זיין נשמה צום בורא.

אויפאמאל האט זיך דער גלח צוגעבויגן צום גוסס, און אים אריינגערוימט אין אויער: "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד!" גלייך איז דער איד'ס פנים אויפגעלויכטן, פארשטייענדיג אז אויך דער גלח איז אן אנוס פונקט ווי אים, און ער האט שנעל געענטפערט: "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד"!

"שלום עליכם, סטרעליסקער רבי!" האט רבי מאיר'ל ארויסגעשטעקט זיין האנט צום שרף, נאכן דערציילן דעם סיפור. דער שרף האט צוריק געגעבן זיין האנט: "עליכם שלום, פרימישלאנער רבי!" -

און פון דעמאלטס האט געהערשט א שלום ואחוה צווישן די צוויי צדיקי עולם.

ווען חסידים פלעגן דערציילן דעם סיפור, האבן זיי אלץ אנגעוויזן, אז כאטש מיר האבן נישט קיין שום השגה אין די 'שיחת חולין' פון די צוויי שרפי מעלה, וואס ווער ווייסט ווי הויך זייערע ווערטער האבן דערגרייכט, פונדעסטוועגן לערנט עס אונז א טיפזיניגע לימוד אין אהבת ישראל:

אפילו ווען דו פארשטייסט נישט א צווייטער איד'ס מהלך, זאלסטו וויסן אז 'הרבה דרכים למקום', און ס'קען אייביג זיין אז ווען דו וועסט צוגיין און אים אריינרוימען 'שמע ישראל' - וועסטו צוריק הערן פון אים א פלאמעדיגער 'ברוך שם'...

# דאנקען דעם אויבערשטן

## א איד דארף כסדר דאנקען דעם אויבערשטן: פארוואס, וואס טוט עס אויף און וויאזוי דארף עס אויסקוקן?

## שאלה:

שטענדיג דאנק איך דעם אויבערשטן, אבער כ'שפיר אז ס'קומט נישט ביי מיר פון קיין גוטע פלאץ, כ'שפיר ווי ס'שוועבט א געוויסע פחד אויף מיר, אז אויב כ'וועל נישט דאנקען דעם אויבערשטן וועט ער מיר אויפהערן געבן... (-)

צומאל האב איך א געפיל, אז כ'דאנק דעם אויבערשטן פשוט כדי אים נישט צו בלייבן שולדיג... כ'קען נישט פארטראגן צו זיין שולדיג פאר יענעם, און דערפאר יאג איך זיך צו שטענדיג זאגן 'יישר כח' - אויך כלפי שמיא. כ'זאג גלייך א יישר כח, כדי זיך נישט צו שפירן מחויב כלפי שמיא... (-)

ס'איז מיר שווער צו פארשטיין די עבודה פון 'הודאה'. געווענליך בין איך געוואוינט צו זאגן 'יישר כח' פאר יעדער וואס טוט מיר א טובה, ווייל כ'זעה אז מיט דעם טוה איך זיי צוריק א טובה. כ'זאג זיי יישר כח, און זייער פנים הייבט אן שטראלן. אבער ווען מ'רעדט פון חסדי ה' - דארף ער דען מיין יישר כח? פארוואס דארף איך אים דאנקען? (-)

## תשובה:

די אלע פראגעס, קומען פון א געוויסע טעות ביי מענטשן אנבאלאנגט די עבודה פון הודאה. לאמיר זען ווי נאכן ריכטיג ארויסהאבן די עבודה, טוען רוב פראגעס אליינס אוועקפאלן, בעז"ה:

### הודאה איז דער תכלית הבריאה

ס'איז באקאנט אז די עבודה פון הודאה פארנעמט א צענטראלע פלאץ אין תורה ומצוות, און אין אונזער סדר היום. ס'זענען דא מערערע מצוות וואס געבן זיך אפ מיט הודאה, אנגעהויבן מיט 'קרבנות תודה', 'ברכות המזון', מצות 'ביכורים' אד"ג; ביז אלע מצוות וואס האבן מיט יציאת מצרים, וואס דער ענין פון דאנקען דעם אויבערשטן אויף זיינע נסים פארנעמט א גרויסע פלאץ דערין. ס'זענען אויך דא אסאך מצוות דרבנן פון הודאה, און היינט צוטאגס דערצו זענען מיר פארנומען א גרויס חלק פון טאג מיט הודאה.

פארוואס איז עבודת ההודאה אזוי וויכטיג? זאגט דער הייליגער רמב"ן אין פרשת בא: **"כַּוָּנַת כָּל הַמִּצְוֹת שֶׁנַּאֲמִין בֵּאלֹקֵינוּ וְנוֹדֶה אֵלָיו שֶׁהוּא בְּרָאָנוּ, וְהִיא כַּוָּנַת הַיְצִירָה, שֶׁאֵין לָנוּ טַעַם אַחֵר בַּיְצִירָה הָרִאשׁוֹנָה, וְאֵין קֵל עֶלְיוֹן חָפֵץ בְּתַחְתּוֹנִים מִלְּבַד שֶׁיֵּדַע הָאָדָם וְיוֹדֶה לֵאלֹקָיו שֶׁבְּרָאוֹ"**. 'הודאה' איז אייגנטליך דער טעם פארוואס דער אויבערשטער האט בכלל באשאפן די וועלט!

די כוונה וואס השי"ת האט געהאט ביים באשאפן די וועלט, איז געווען אז אידן זאלן מכיר זיין דעם אויבערשטן מתוך א קשר און דביקות. דאס איז די פנימיות פון יעדע מצוה, און ס'איז דער תכלית פון אלעס. די מהות פון עבודת ההודאה איז נישט נאר ווי א לשון פון 'מודה אני', נאר ס'איז אויך א לשון פון 'מודה על האמת' (אייגנטליך זענען די צוויי לשונות פארבינדן איינס מיטן אנדערן, ווייל דער שורש איז 'הודאה על האמת' און אלס תוצאה קומט 'הודיה'). ווען א מענטש איז מודה און אנערקענט אז דער אויבערשטער איז מחיה ומהווה די גאנצע בריאה, איז ער אים מודה ומשבח, ווייל ער שפירט אז השי"ת איז אלעס. אזויווי דער פסוק זאגט אין 'מזמור לתודה': "דעו כי ה' האלקים הוא עשנו ולו אנחנו עמו וצאן מרעיתו" - און אלס תוצאה דערפון איז "בואו שעריו בתודה חצרותיו בתהלה הודו לו ברכו שמו".

**ווּעסטו פרעגן:** אויף צו מודה זיין על האמת איז גענוג זיך צו מתבונן זיין באלקותו יתברך; פארוואס דארף מען דווקא הודאה דערפאר? **די ענטפער איז,** אז ווען דו ביסט מקבל א שפע, איז דא א גילוי וואס השי"ת איז מגלה דווקא פאר דיר, ער איז זיך מתייחס צו דיר און דווקא דעמאלטס ווערט ארויסגעברענגט אן אמת'ע דביקות. דערביי אנערקענסטו אז ס'איז דא א בורא עולם, אז השי"ת פירט און זעט יעדע זאך און אז ער האט אויסגעוועלט כלל ישראל אלס זיין פאלק, און דיר פריוואט. ס'ווערט דא א קשר צווישן דעם אויבערשטן מיט כלל ישראל - וואס דאס איז תכלית הבריאה.

בלייבט נאר איבער צו פרעגן, פארוואס דווקא הודאה? לכאורה, עבודת התפילה איז פונקט די זעלבע הכרה. ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען אויף זיינע צרכים, איז ער מודה אז אלעס קומט פון אויבערשטן, און ער בעט זיינע צרכים אזויווי א קינד בעט זיין טאטן. אויב אזוי ווערט דא א קשר צווישן א איד מיטן אויבערשטן. נו, פארוואס איז דווקא הודאה די כוונת הבריאה?

די ענטפער איז, אז הודאה האט צוויי מעלות העכער תפילה. **א.** תפילה ברענגט ארויס א חסרון, בשעת הודאה ברענגט ארויס שלימות. דער אויבערשטער איז תכלית השלימות, און דערפאר טוט דווקא הודאה מער ארויסברענגען גילוי ה'. **ב.** ווען א מענטש דאוונט, מיינט עס נאכנישט אז ער וויל דאנקען דעם אויבערשטן, נאר סך הכל דארף ער יעצט א ישועה און ס'קען זיין אז נאר דערפאר איז ער מתפלל. אבער ווען א מענטש דאנקט דעם אויבערשטן, איז שוין נישט קיין שאלה אז ער איז מודה און מכיר און וויל דעם אויבערשטן.

### א הכרה מוז צוגיין מיט 'מעשה'

לאמיר יעצט פרובירן פארשטיין די מהלך וויאזוי **די ווערטער פון הודאה** זענען פארפאסט געווארן. אבער בעפאר, מיר פארשטייען שוין (לויט ווי מ'האט אויסגערעדט) אז דאס איז זיכער אז ס'קומט נישט אריין צו זאגן דיבורים פון הודאה אן קיין געפיל פון הודאה, אן קיין הכרה אז דער אויבערשטער איז אלעס מחיה ומהווה, און פונדעסטוועגן האט ער מיר אויסגעוועלט און ער טוט מיר אזויפיל גוטס. ווייל ווי געזאגט, די גאנצע מטרה דערפון איז דווקא אט דער געפיל, די הכרה אין אויבערשטן וואס קומט מיט די געפיל פון הודאה.

**לויט דעם דארף מען פארשטיין, פארוואס דארפן מיר זאגן פארשידענע תודות און שבחים ביי ברכות הנהנין, ביי די תפילות און במשך דעם גאנצן טאג?** ס'זענען דא דריי ענטפערס דערויף: **א.** די באקאנטע כלל אז "אחרי הפעולות נמשכות הלבבות", און דערפאר, דורכ'ן זאגן דיבורי הודאה טוט זיך דאס הארץ צוביסלעך ערוועקן. א חיצוניות'דיגע אויסדרוק וואס קומט מתוך א מטרה אנצוקומען צו א פנימיות'דיגע הכרה - קומט ענדע אן צום פנימיות. **ב.** א מענטש איז געבויט אויף א צורה פון נשמה און גוף, וואס זאגט אז יעדע 'נפשיות'דיגע' זאך ווערט באמת איינגעקריצט נאר ווען ס'קומט צוזאמען מיט א 'גופניות'דיגע' אויסדרוק. דאס הייסט: ווען מ'האט א רגש פנימי אבער ס'קומט נישט אן צו קיין 'מעשה', בלייבט עס נאר אויבערפלעכליך. ס'באריכט נישט און ס'טוט נישט אויף. דעריבער טוען דיבורי תודה איינקריצן די הרגשים פון הודיה און הכרה בה' אין אונזער הארץ. **ג.** דער כלל איז, אז דער אויבערשטער וויל רוען דווקא בתחתוני תחתונים, און דערפאר דארף מען ברענגען יעדע מצוה צו די חלק המעשה. דעריבער טוט דווקא דיבור - וואס "עקימת שפתים הוי מעשה" - מכין זיין א דירה בתחתונים פארן אויבערשטן.

אבער למעשה דארף מען געדענקען, אז די גאנצע מטרה פון די דיבורים איז נאר די הרגשים פון תודה און הכרה פנימית, אזויווי ס'שטייט אין ספרים הק' אויף די ווערטער פון חז"ל, אז א מענטש וואס בוקט זיך נישט ביי 'מודים' ווערט א נחש, וואס דאס מיינט אז ער זאגט הודאה פארן אויבערשטן אבער ס'קומט נישט אן צו א רגש פון 'כריעה', הכנעה און ביטול פארן אויבערשטן, און דערפאר ווערט ער נענש מיט א נחש, וואס איז דער שורש פון רע און גיאות רח"ל.

### הודאה מיינט 'הודאה'!

ווארשיינליך האט יעדער אויטאמאטיש באקומען אן ענטפער אויף זיין שאלה. **דער ערשטער שואל:** אפילו ווען דו האסט מורא אז אויב דו וועסט נישט דאנקען דעם אויבערשטן וועסטו דערלייגן זיינע חסדים (וואס בדרך אגב, ס'איז בכלל נישט אמת. דער אויבערשטער איז א 'טוב ומטיב' אן קיין גבול), אבער די עבודה פון הודאה איז אינגאנצן אנדערש ווי אפאר דיבורי הודאה. מ'קען נישט אפנארן דעם אויבערשטן מיט אפאר דאנק-ווערטער... די עבודה פון הודאה וואס מ'פאדערט פון אונז איז א טיפע געפיל און הכרה, צו וואס מ'קען נישט אנקומען מיט פחד; מ'מוז האבן א פנימיות'דיגע הבנה.

**דער צווייטער שואל:** קענסט סייווי קיינמאל נישט אפצאלן דיין חוב פארן אויבערשטן. קענסט זאגן יישר כח א מיליאן מאל, און וועסט נאך אלץ נישט קענען אפדאנקען אפילו אויף איין וואך פון דיין לעבן, פון רמ"ח אברים און שס"ה גידים. טראכט אריין; ווען מ'גייט צו א דאקטער וואס באהאנדלט איין איינציגע 'אדער' ווי ס'דארף צו זיין, באצאלט מען אים א הון תועפות און מ'לייגט אים נאך צו אן א שיעור יישר כח'ס. אויב אזוי, וויאזוי קענסטו אפצאלן דער וואס געבט דיר נאכאנאנד אלעס אין די וועלט?!

אבער ס'איז וויכטיג צו פארשטיין, אז דאס וואס דו בלייבסט אים שולדיג איז נישט נאר ווייל ביסט א בעל חוב, נאר ווייל דו עקזיסטירסט נישט... ביסט פשוט בטל און נכלל אין מציאות ה'. אזויווי מיר זאגן ביי 'נשמת', "אין אנחנו מספיקים להודות... על כן אברים שפלגת בנו ורוח ונשמה שנפחת באפנו... הן הם יודו ויברכו". לכאורה דארף מען פארשטיין, זאגסט דאך אז מ'קען אים נישט לויבן - און גלייך דערנאך הייבסטו אים אן אויסצולויבן? די ענטפער איז אז נאכדעם וואס מ'דערהערט אז ס'איז נישט שייך אים צו לויבן און מ'וועט אים אייביג שולדיג בלייבן - דערהערט מען אז מ'איז אינגאנצן זיינ'ס, מיינע אלע אברים, מיין נשמה, רוח און לשון לעבט אלץ פונעם אויבערשטן, און דערפאר בין איך פשוט בטל און איך געהער צו אים.

און **דער דריטער שואל:** ווי געזאגט, הודאה פארן אויבערשטן איז נישט אזויווי א געווענליכע דאנקען. ס'האט א באזונדערע און טיפערע באדייט, און ס'איז דער תכלית הבריאה. יעצט וועט דיר שוין זיין גרינגער צו האבן א חשק און מער משקיע זיין אין די עבודה.

און מיטן אויבערשטנ'ס הילף, מיט די ריכטיגע השקעה אין דיבורי הודאה אויף די ריכטיגע וועג, ד.ה. מיט א ידיעה וואס די מטרה איז און א רצון צו דערגרייכן די אויבנדערמאנטע פנימיות'דיגע הכרה - וועסטו צוביסלעכווייז אנקומען צו אן אמת'ע געפיל פון הודאה, און די תכלית הבריאה און אורו יתברך וועט נתגלה ווערן אין די גאנצע וועלט, במהרה בימינו אמן.

(נאך אלעס וואס מ'האט אויסגעשמועסט, איז נאך דא א העכערע מדריגה אין עבודת ההודאה, וואס איז גילוי אורו יתברך בתחתונים. צום ביישפיל, ווען מ'לויבט אויס א גאון איבער זיינע גוטע סברות, לייגט ער צו נאך א סברא. להבדיל אן קיין שיעור הבדלות, דער אויבערשטער האט אוועקגעשטעלט זיין סדר ההשפעה כביכול, אז דורך דיבורי תודה אויף די שפע וואס ער האט משפיע געווען איז מען מעורר נאך מער גילוי אורו יתברך. און ס'איז מבואר אין פנימיות התורה, אז דיבורי תודה ווערן די כלים פארן שפע אורו יתברך. יהי רצון אז מ'זאל זוכה זיין דערצו).

**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות**
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: **347.452.3118** אין וויליאמסבורג: **347.768.3577** אין בארא פארק: **347.520.8743**
אימעיל DD0722531385@gmail.com | **תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483**